במה מדליקין אונ׳ דאז קהל זאגט לנגזם נאך . דער וויל ליכט אן אלי ליכט אונ׳ לאמפן אונ׳ גלעזר אן . דער נאך
זאגט דער חזן מיט כל הקהל דיא זעקס מזמורים וויא זיא פֿארנן שטעהן אין קבלת שבת פסוק אום פסוק .
דער נאך איז מן מקבל שבת וויא אין חוצה לארץ : נאך קבלת שבת שיקט מן דעם שמש אונ׳ לאסט זיהן אוב
דער שאלט אובן צו איז וואו כל הקהל דריקן שאלט זעלט דער מיט אז מן ניט מחלל שבת זאל זיין . אונ׳ מן אורט
מעריב בייא טאג וויא אין חוצה לארץ . נאך עלינו זינגט דער חזן הויך גאן יגדל : אונ׳ ווען אייכר דיא הדלקה
האט אם שבת אודר יום טוב אז וויא איך מיה״ ווער שרייבן אין שער הזכרה דא שרייאט דער שמש הויך
נאך יגדל יאיר אורו דאז איז רייטש ער זאל אנצינדן זיין ליכט . שבת מארגנש היבט דער חזן אן יגדל אונ׳ ארגן
עולם אונ׳ אורט ביז ברוך שאמר אונ׳ מן זאגט קדיש יתום . אונ׳ מן בענטשט טלית . אונ׳ מן זאגט תהילים
אונ׳ תמכייה מפיה אונ׳ מזמור שיר ליום השבת אונ׳ קדיש יתום . אונ׳ מן זינגט ברוך שאמר . יוצרות זאגט מן
וויא אין פולין . נאך אין מאך רופֿט מן אלות אויז וויא אין חוצה לארץ . אם שבת רופֿט מן אויף ליהן מיט שלישי
אונ׳ מיט ששי אונ׳ מיט אחרון אונ׳ ניט מער . אונ׳ מפטיר . ווען דער חזן אייכם אויף רופֿט דא זאגין כל הקהל
צו דעם דז מן האט אויף גרופֿן : לכבוד : אונ׳ אי ער דיא ערשט ברכה זאגט איבר דער ספר תורה דא זאגט
ער . ה׳ עמכם . אונ׳ ווען ער איין וועק גיט פֿון דער ספר תורה דא זאגט כל הקהל צו אים חזק ברוך . אונ׳ ער
ענטוורט ברוכים תהיו . אין ראש השנה אונ׳ אין ערשטן טאג סוכות אונ׳ ערשטן טאג פסח אונ׳ אחרון של
פסח אונ׳ שבועות רופֿט מן ניט מער אויף אז פֿינף אונ׳ מפטיר . אונ׳ אם יום כיפור רופֿט מן זעקס אויף
אונ׳ מפטיר . ווען ראש השנה יום כיפור סוכות פסח שבועות אם שבת איז רופֿט מן ליהן אויף וויא אם שבת
אונ׳ מפטיר . אין שמיני עצרת דאז איז צו ירושלם שמחת תורה דא רופֿט מן אויף לאנליג אונ׳ חתן תורה אונ׳
חתן בראשית אונ׳ מפטיר . אונ׳ ווען איין חתונה אם שבת איז רופֿט מן לאנליג אויף אונ׳ מפטיר אונ׳ ווען
איין ברית מילה איז גלייך אן דער וואכין דא מוז מן דען שבת פֿר דער ברית מילה סגן לאזין דעם בעל ברית
אונ׳ ער מאג לאזן אויף רופֿן פֿופֿציגן אונ׳ ווען ער וויל נאך דיא ערשטן זיבן דיא מן האט אויף גירופֿן ווירד
פהן לוי אויף רופֿן מאג ער עס טאן . דעסט גלייכן אן אייכר חתונה אונ׳ שמחת תורה . ווען איין גסט קומט
צו זייא איין בעל בית אודר בחור דא איז דער זעלביג איין חיוב דען ערשטן שבת דעסט גלייכן ווען אייכר
גומל בענטשט וועגין איין חולי בר מן אודר זאנשט פֿון וואז מכרשט וועגין דא איז ער אך איין חיוב . דעסט
גלייכן ווען אייכר דיא הדלקה האט אם שבת איז ער אך איין חיוב . מיט דען זעלבגן חיובים רופֿט מן אויף
ליהן אונ׳ ניט מער . אונ׳ מפטיר . נאך יקום פורקן דא מאכט דער חזן הויך מי שבירך אלין דען גבאים דיא
דא זייכן אין חוצה לארץ איבר עניי ארץ ישראל מאכט מן מעלט מיטלכם מיט זיינם נאמן מאכט דעסט גלייכן גיט
מן מי שבירך אלי דיא קהילות אונ׳ ישובים דיא דא געלט שיקן קעגן ירושלם דז מן אויז האלט דער פֿון לומדי
תורה . אך גיט מן מי שבירך יחידים דיא געלט שיקן קעגן ירושלם . אונ׳ איין נוסח איז דער מי שבירך : מי שבירך
אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן דוד ושלמה הוא יברך את כל הקהלות הקדושות וישובים שבחוצה
לארץ בעבור ששולחים ונדבות לבם ממאונם להחזיק ידי לומדי תורה ולעניי ארץ ישראל ולעיר הקדש ירושלם
בשכר זה הקב״ה יזכם לראות בבניינה ולשמוח בתיקונה וישמרם ויצילם מכל צרה וצוקה ומכל נגע ומחלה
ויזכו לביאת משיחינו ולהביא נדבותם לבית המקדש במהרה בימינו בעגלה ובזמן קריב וישלח ברכה
והצלחה בכל מעשי ידיהם עם כל ישראל אחיהם ונאמר אמן : נאך דעם מאכט מן בייזונדר מי שבירך דען
גבאים ארץ ישראל מיטלכם בייזונדר דיא אין חוצה לארץ זיינן : נאך דעם גיט מן מי שבירך דען ווייברן דיא דא
געלט שיקן קעגן ירושלם : מי שבירך אבותינו אברהם יצחק ויעקב משה ואהרן שרה רבקה רחל ולאה הוא

יברך

# שער התפלה

יברך את הנשים היקרות שבחוצה לארץ היושבת הן בקהלות והן בישובים . בעבור שמולתן מרבות לבן
ומזונות לעניים אביונים שבירושלים תבנה ותכונן במהרה הקב״ה יצילן מכל צרה וצוקה ומעקרות
שבהן יזכו לזרע כשר וקיימא . והמעוברות שבהן שלא יפלו פריבטנה . והיושבת על המשבר ילדו מאפילה
לאורה . והמניקות אל יחסר חלב מדדיהן . ואל תהי משכלה בילדיהן . ויצילו מעין הרע ומרוח רעות . ויגדלו
בניהן לתלמוד תורה . ובנותיהן ינשאו לתלמידי חכמים . ותמיד יהי שלום בביתם עם בעליהן . ויזכו לביאת
משיחינו ולהביא קרבנות לבית המקדש במהרה בימינו עם ישראל אחינו . ונאמר אמן . דער נאך איז מן מזכיר
נשמות דען מתים דיא מן פֿון איר וועגן נשמות גיבט איין דער צדקה . אונ׳ מן זאגט אב הרחמים .
אשרי יהללו . מוסף אורט מן וויא אין חוצה לארץ . אונ׳ מן גיט ווידר צו דוכנן . נאך עלינו רופֿט מן אויז פֿתיחת
ארון הקדש אונ׳ מן זאגט אנעים זמירות אונ׳ קדיש . דער נאך היבט דער חזן הויך יגדל אן צו זינגן גאר
אויז . אן וועם אז דיא הדלקה איז אם שבת אודר יום טוב גיט דיא גנץ קהילה שבת מארגינש נאך שול צו אים
אין הויז ארײַן אונ׳ איין מיטלכר ווינטשט אים ער זאל זוכה זיין ליפֿט אן צו צינדן אין בית המקדש אמט . ווען דיא
לייט איין וועק גענין פֿון אים דא לאזט דער זעלביג בעל הבית מיינם אירדן רונן ומר אויף דיא הענט
גיזין . דעסט גלייכן ווען איין ערלכר בעל בית קומט קען ירושלים דא גיט אך כל הקהל צו אים דען ערשטן
שבת צו מארגינש פֿריא נאך שול אונ׳ זיא ביטן אים גוט שבת . ווען איין בחור איין חתן ווערט רופֿט מן אים
אויף צום קנס מאל דעסט גלייכן צו דער חתונה דא גיט דער שמש אין שול איין רוף אונ׳ ער גיסט איין
מיטלכן רונן וואסר אויף דיא הענט . צו מנחה אם שבת בענטשט דער חזן טלית אונ׳ כל הקהל ליגן אך טלית .
אין שמנה עשרה זאגט דער חזן שים שלום אונ׳ ניט שלום רב . אונ׳ מן זאגט צדקתך אונ׳ קדיש . אים וואר
זאגט מן פרקים . אונ׳ אים ווינטר זאגט מן ברכי נפשי . אונ׳ עלינו קדיש יתום . אזן דער חזן לייכט אין דער
ספר תורה דא וואז ער ווערט פֿר ווארט לייאן דען מן איז זער מדקדק דרויף דז ער ניסט טוט פֿעלן בפרט
אים טראפּן . אך דרוף קיינר קיין הויך ווארט רידן ווען מן לייכט . אך לייכט מן דעם חזן ניט פֿיר וויא דער
סדר איז נאן איין טייל ארטן אין חוצה לארץ . דעסט גלייכן הערט מן קיין ווארט רידן בשעת התפלה . אלי ערב
ראש חדש איז תענית ציבור דא וואז כל הקהל פֿסטין ביוואל דז דיא גנץ קהילה פֿסטין מאנטיג אונ׳ דאנרשטיג
אונ׳ פֿיל לייט פֿסטין אלי טאג . צו מארגינש אם ערב ראש חדש דא זאגט דער חזן עננו צווישן גואל ישראל
אונ׳ רפאינו . נאך שמנה עשרה זאגט מן סליחות פֿון שני וחמשי ושני . דהיינו איין ערב ראש חדש זאגט מן פֿון
ערשטן שני דען אנדרן ערב ראש חדש זאגט מן פֿון חמשי דען דריטן ערב׳ ראש חדש זאגט מן פֿון דען אנדרן
שני איין וואז זאגט מן איינס אוס דען אנדרן . דער נאך זאגט מן אבינו מלכינו . אל רחום שמך . אונ׳ ווען ערב
ראש חדש איז אם זונטאג אודר דינשטאג מיטוואך דא לייכט מן צו מארגינש ויחל . אם ערב ראש חדש נאך
מיט טאג רופֿט מן אין שול אונ׳ מן זאגט גנץ תהילים אויז . דער נאך רופֿט דער שמש אויז צו פֿר קויפֿן אויף
איין גנלין חדש ווער עץ החיים הלטין זאל . דיא ספר תורות צו ירושלים האבין קיין זילבר עץ החיים אן
גישלאגין . כיי ווערט דיא זילברה עץ החיים זיין גיוואלט דז מן זיא קאן ווידר איין ראב טאן אן הייסט זיא רמונים .
ווען אן אויז נעמט איז אן מכבד ווער דיא רמונים אונ׳ דאז בלעך אונ׳ דיא קרון זאל אן דער ספר תורה אן טאן
דאז פֿר קויפֿט מן אך אויף איין גנלין חדש . נאך שול נעמט מן דאז כלי קדש פֿון דיא ספר תורות איין ראב אונ׳
שליסט עס איין אין איינרן קסטין ביי דעם גבאי אין חצר הקדש . אך פֿר קויפֿט מן אין קידש אויף איין
גנלין חדש . דעסט גלייכן פֿר קויפֿט מן אויף איין גנלין חדש ווער תהילים זאל זאגין . דאז אלז וואז דא פֿר מעלט
איז פֿר קויפֿט מן אן ערב ראש חדש נאך מיטאג ווען מן גנץ תהילים האט אויז גיזאגט . דער נאך היבט דער
חזן אן צו זאגין תפלה לעני כי יעטיף גאר אויז . יום זה יהי משקל גאר אויז . למנצח על הגיתית גאר אויז . דער
נאך היבט דער חזן אן סליחות צו זאגין פֿר שמנה עשרה וויא זיא שטעגין אין ערב ראש חדש צו מנחה . דען
נאך שמנה עשרה איז ראש חדש דא איז ניט רעכט דז מן זאל סליחות זאגין . נאך סליחות זאגט מן שומע ישראל .
ה׳ הוא האלהים . ה״ מלך ה״ מלך גאר אויז . עננו אלהי אברהם גאר אויז . אונ׳ גנץ קדיש . למנצח מזמור לדוד .
יענך ה׳ ביום צרה . קדיש יתום . אשרי אונ׳ הלב קדיש . אונ׳ מן לייכט ויחל . אונ׳ מן אורט שמנה עשרה אונ׳
מן זעלט איין עננו . עלינו קדיש יתום . ווען ראש חדש איז אם שבת אודר זונטאג דא מלט מן ערב ראש חדש
אם דאנרשטיג דא איז אויף דער נכט ניט ראש חדש דא זאגט מן דיא סליחות נאך שמנה עשרה וויא עס
שטיט כסדר אין ערב ראש חדש צו מנחה . אונ׳ מן זאגט אבינו מלכינו . דעסט גלייכן אן ערב ראש חדש שבת

# שער התפלה

זאגט מן דיא סליחות נאך שמונה עשרה . אונ' אבינו מלכינו . ווען מן זאגט אבינו מלכינו דז מיט עשרת ימי
התשובה אייז דא זאגט מן אן שטאט חדש עלינו שנה טובה . בחך עלינו שנה טובה . פסח אייז גאר זיבן טאג דער
ערשטי טאג אונ' שביעי של פסח זיין יום טוב אונ' פינף טאג זיין חול המועד . דער אכטן טאג פסח איז
אונזר אסרי חג . אן דיא ערשטי נכט פסח אין דער שולן נאך דעם קדיש אז מן זאגט נאך שמונה עשרה דא
היבט דער חזן הויך אן צו זאגן דיא ברכה פון הלל אונ' כל הקהל זאגן גנץ הלל . דער חזן זינגט מיט הודו
אונט אנא . איך האב קיין טעם געהערט ווארום דז מן הלל זאגט אין שולן דיא ערשט נכט פסח . גלייך וואל
האט מיר אחי כהרר גוטמן פורית איין טעם געזאגט וויא עס אין דער משנה שטיט אין מסכת זבחים אין
פרק התמיד נשחט אז דער ווייל דז מן האט מתעסק געווען מיט דעם קרבן פסח דא האט מן הלל געזאגט
גלייך דריא מאל נאך איין אנדר . דער נאך זאגט מן עלינו אונ' קדיש יתום . אונ' דער חזן זינגט גנץ יגדל . דען
ערשטן טאג פסח צו מארגניש זאגט מן דיא פיוטים וויא אין חוצה לארץ אונ' מן לייאינט וואז מן לייאינט אין
חוצה לארץ מן זאגט איבר איטליכה ספר תורה בזונדר הלב קדיש . דערהלבן ליגט מן דיא ספר תורות ניט
נעבן איין אנדר אויף דען שלחן ווען מן קדיש זאגט אלז וויא דער סדר איז אין חוצה לארץ . נייארט ווען מן דרייא
ספר תורות אויז נעמט דא זאגט מן איבר דער ערשטי ספר תורה קיין קדיש ווייל מן דעם אחרון טוט לייאין
אין דער אנדר ספר תורה . גלייך וואל מן שמיני עצרת דאז איז אונזר שמחת תורה דא זאגט מן איבר דער
ערשטי ספר תורה אך בזונדר קדיש ווייל מן דרינן לייאינט חתן תורה . חול המועד פון פסח זאגט מן איבר
דער ערשטי ספר תורה קיין קדיש ווייל מן דעם רביעי אויך רופט אין דער אנדרי ספר תורה . אונט ווען
דער ערשטי טאג פסח איז אם שבת זאגן מיר דען ערשטן טאג פסח דיא יוצרות פון שבת חול המועד .
אונט שיר השירים . דער אנדר שבת איז אונזר אסרי חג . אונט צו מוסף בענטשט מן דען טל . ענקר אנדר
טאג פסח איז אונזר ערשטר טאג חול המועד דא לייאינט מן וואז מן אין חוצה לארץ לייאינט דען אנדרן טאג
פסח אונט דעם רביעי לייאינט מן והקרבתם אז וויא דיא אנדרן טעג חול המועד . דיא אנדרן פיר טעג חול
המועד לייאינט מן וויא אין חוצה לארץ . מן חול המועד ליגט מן קיין תפילין זונשט זיין דיא תפלות חול המועד
גלייך וויא אין חוצה לארץ . מן שביעי של פסח איז מן מזכיר נשמות . ווען דער ערשטי טאג פסח איז אם שבת
דא איז ענקר אחרון של פסח דען אנדרן שבת אונט מיר בני ארץ ישראל הלטין דען אנדרן שבת פר אסרי חג
וויא אובן שטיט דא קומט אונט בני ארץ ישראל איין שבת אין דער ספירה צו דא זאגין מיר דען ערשטן שבת
אין דער ספירה דיא יוצרות ביז איוואתי : אונ' דען אנדרן שבת זאגט מן פון איוואתי אונט ווייטר אויז . אונ'
ווען עס איין זאך גיפאלט דא טייאלט מן אחרי מות אונט קדושים . איטליכש מאל ווען דאז קהל האט ספירה
גיצילט אין שולן דא היבט דער חזן אויך נייא מן הויך ספירה צו צילן מיט דער ברכה אונט דער נאך זאגט
דאז קהל אלהים יחננו וכו' . צווישן פסח אונט שבועות זאגט מן יוצרות וויא אין פולין : דען פירצטן טאג אין
חדש אייר זאגט מן קיין תחינה דען דער זעלביג טאג הייסט פסח שני וויא עס אין דער תורה שטיט .
שבועות איז גאר איין טאג יום טוב אונט מן זאגט מגלת רות . אך זינגט מן אקדמות אונ' קיין יציב
פתגם אך קיין ארכין . דער אנדר טאג שבועות איז אונזר אסרי חג . פון ר"ח סיון אן ביז דרייצהן טאג אין סיון
זאגין מיר קיין תחינה . אז וויא מיר גפינן אין דער גמרא ווייל כל ישראל זיינן איין רויף גגגין קען ירושלם צו חג
השבועות אונט זיא האבין אירה קרבנות ניט אלי קענין מקריב זיין צו חג השבועות דא האבין זיא נאך צייט
גיהט זיבן טאג נאך שבועות אירה קרבנות מקריב צו זיין . דרום זאגין מיר זיבן טאג נאך שבועות קיין
תחינה . פון שבעה עשר בתמוז אן ביז תשעה באב גיט כל הקהל אלי טאג נאך מיטטאג אין שולן אונ' טונין
דיא שיך אויז אונ' זעצין זיך אויף דער ערדן . דער חזן היבט אן איכה ישבה בדד . נאך דער איין איכה זאגט
ער דיא ערשטה קינה שבת סורי מני . אונ' נאך דער קינה זאגט מן דיא קינה זכור אשר עשה צר בפנים .
אונט דער נאך דיא ערשט ציון . אונט דער נאך זינגט מן איין קלאג ניגון אויף דען מזמור על נהרות בבל שם
ישבנו . אונ' דער נאך אלי ציון ועריה כמו אשה בציריה גאר אויז . דען אנדרן טאג היבט מן אן איכה יעיב .
אונט דיא קינה נאך שבת סורי מני . אונט אך דיא קינה נאך זכור אשר עשה צר בפנים . אונט דיא
אנדר ציון . אונ' על נהרות בבל אלז וויא דען ערשטן טאג . ווען מן אויז האט דיא פיר איכה אונ' קינות דא
היבט מן ווידר פון פארנין אן וויא אובן שטיט נייארט דיא פרייא טעג דיא צווישן שבעה עשר בתמוז אונט
תשעה באב זיין דעשט גלייכן ערב תשעה באב זעלבן זאגט מן ניטט . אן תשעה באב איז דער מנהג וויא
אין חוצה לארץ . פון שבת נחמו אן ביז ראש השנה זאגט מן דיא יוצרות וויא אין חוצה לארץ . סליחות היבט מן

אן אויף

# שער התפלה

אן אויך צו שטין חוץ אין חוצה לארץ אנ ר"ה זאגט מן די פיוטים אויז אין חוצה לארץ. אן ראש השנה נאך דעם
שו מן האט אויז גלאייכט דאז בלאזט מן אויין זא פיל קולות אז וויא אין חוצה לארץ . אונ' צו אוטן וויא מן אין
חוצה לארץ בלאזט טרריט מיטלבט וואל פיר קולות. דאז בלאזט מן צו ירושלים מיטלבט וואל ציהן קולות דהיינו
תרועה שברים תרועה תקיעה. תרועה שברים תקיעה. תרועה תרועה תקיעה. נאך אוטיך בלאזט מן
דרייסיג קולות וויא אין חוצה לארץ. אונ' דער חזן זינגט יגדל נאך יגדל בלאזט מן ווידר ציהן קולות וויא מן זיא
האט גיבלאזין צו אוטין אין סדריט . דער איט דז מן מיטלכן טאג ראש השנה בלאזט הונדרט קולות. אם
יום כיפור איז מן זיך נוהג וויא אין חוצה לארץ. סוכות דער ערשטי טאג איז יום טוב. אונ' זעקס טאג איז
חול המועד. שמיני עצרת איז אונזר שמחת תורה וויא פארכין שטיט. אתרוגים אונ' לולבים זיין זער שין אונ'
בזול מן האט אלי טאג פר ישה הדסים . דיא הדסים שטעקט מן אין מיילכיג וויס וויא דיא ערבות אין לולב.
דען ערשטן טאג חול המועד לאייכט מן דעם כהן וביום השני. אונ' דעם לוי אך וביום השני . אונ' דעם
שלישי אך וביום השני. אונ' דעם רביעי אך וביום השני. דען אנדרן טאג חול המועד לאייכט מן וביום השלישי.
אזין זוא לאייכט מן אלי טאג זיין יום צו אלין פיר דיא מן אויך רופט. אן הושענא רבה צו נאכט גיט פריא נאך
שול געגין דיא שמשים אין שולן אונ' טוכין אלי דיא ספר תורות מיטלבה אין זירן ומעכטלי אונ' בלעך אן אך איר
קרון אויך אונ' מן לאשט דען ארון הקדש אפן ביז אן לאייוק טוב אונ' דיא גאנץ שול אויך אלין פיר זייטן אונט
דען שויג בוגין ביהענגט מן מיט מייטל שינה פרוכת אונט מעכטליך דאז אין גרוס הק"בה אונט אלין ואלאכי
הסרת ליב נון קאן איין מיטלכר גידענקין דער דא פון הק"בה זוכה איז צו ירושלים צו זיין אונ' זיא הקדושה פר
זיך צו זיהן וואז דאז פר איין זכות איז. הושענא רבה אויך דער נכס עסט מן אין ארץ ישראל ניט אין דער סוכה.
וויל שמיני עצרת איז אונזר שמחת תורה דאז זאגין מיר צו שחרית דען פיוט פון שמחת תורה. אונ' אך הלל
איז מן זיך נוהג וויא אין חוצה לארץ אן שמחת תורה. צו אוטן בענטשט מן דען גשם. אלאי שמיני עצרת האבין
מיר חול. גלייך וואל הנרלט מן ניטש אן אסרו חג . פון שבת בראשית אן ביז פסח זאגט מן די יוצרות וויא
אין פולין. מן זאגט קיין תחינה ביז ר"ח חשון. זיבן טאג אין חשון היבט מן אן צו זאגין ותן טל ומטר. חנוכה דען
ערשטן טאג היבט מן אן צו לייען מדבר יו"וכו' דבר אל אהרן וכו' יברכך ביז נחשון בן עמינדב . דען אנדרן
טאג לאייכט מן דעם כהן ביום השני ביז מלאה קטורת אונ' דעם לוי ביז נתנאל בן צוער. דעם שלישי היבט מן
ווידר אן ביום השני ביז נתנאל בן צוער. אן לאייכט אלי טאג ניט מער אז זיין יום . אם זאת חנוכה לאייכט מן
וויא אין חוצה לארץ ביז כן עשה את המנורה . דיא רעגין דיא דא פלעגין צו זיין צו ירושלים זיין אין כסליו
טבת שבט אדר . אונ' ווען מן ניט גלט דז עס ניט טוט גיוגין רעגין איז מן גוזר תענית אונ' מן זאגט סליחות
אונ' נאך סליחות זאגט מן איין סליחה דאז היבן זיך אלי דיא גינען אן היום. אונ' דער נאך זאגט מן דענינו
אן זאגט מן הושענא רבה דאז אלו זאגט מן מיט גרוס שרייאן אונ' וויין. פורים איז דער פירלטה טאג אונט
פופצטן טאג . נייארט דיא מגילה לאייכט מן דען פירצטן טאג אויך דער כלט אונ' דען פופצטן טאג צו
מארגנוט פריא דער וויל ירושלים האט איין מויאר איין רום גיהט אין טעגין יהושע. אלרות פון פורים זאגט
מן אן פופצטן טאג . דהיינו דען ערשטן טאג פורים הלטין מיר צו ירושלים אז וויא מן אין חוצה לארץ אלש
שושן פורים. אונ' ענקר שושן פורים איז אונזר רכטר פורים. אונ' ווען דער ערשטי טאג פורים איז אן פרייא
טאג דא לאייכט מן דיא מגילה אם פירלטן טאג אונ' דיא סעודה עסין מיר אן פופצטן טאג. אז וויא דער דין
שטיט אין הלכות פורים: אלי מאנטיג אונ' דאנרשטיג צו מורגיש פריא נאך שול אונ' אלי שבת אונ' יום טוב
נאך מנחה גיט מן קיגן כותל מערבי איבר אונ' מן טוט תפלה אונטר דען פרייאן הימל . דען גאר צו כותל
מערבי געגין מיר ניט פון וועגין דער קדושה. אז וויא איך אין דער הקדמה האב גישריבן דז מיר גאין אין
דער גאדרא דז דיא טליכה איז נאך אן כותל מערבי. אונ' איין מיטלכר אפט איטבירך דען ועלבגין לייטן דיא
איים ליב זיין אונ' דיא מיינן האבין גוטין גיטאן אונ' נאך גוטין טון. אונ' מן איז מחדר אין דער צדקה פון דען
זעלבגין לייטן וועגין: אונ' איין זא זיין דיא תפלות דיא מן טוט קיגן כותל מערבי . ואני ברוב חסדך אבוא
ביתך אשתחוה אל היכל קדשך ביראתך . י"י אהבתי מעון ביתך ומקום משכן כבודך . ואני אשתחוה
ואכרעה ואברכה לפני י"י עושי . ואני תפלתי לך י"י עת רצון אלהים ברוב חסדך ענני באמת ישעך. שיר
המעלות לדוד סימן קל"ב - שיר המעלות זכור י"י סימן קל"ב. שיר המעלות לדוד הנה מה טוב ומה נעים
סימן קל"ג. דער נאך לאייכט מן דיא גנצי עקידה מיט דען טראפין . דער נאך זאגט מן זכור את האמד

# שער התפילה

הגדול שהיה במקום הקדש הזה אברהם אבינו שהיה בשר ודם כמונו וכבש את יצרו ואהבתו. חסרו ופשט ידו לשחוט את בנו יחידו לקיים באמר צוית לו ואתה ה' אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד יהי רצון מלפניך שיכבשו רחמיך את כעסך ויגלו רחמיך על מדותיך ותתנהג עם בניך במדת החסד והרחמים לפנים משורת הדין ותציל עמך ישראל מכל פגע ותקלה ושיבת רעים שהם בעולם . כי די לנו בטפלותינו ובגלותינו שאנחנו בעונותינו מפוזרים בארבע פינות העולם והבית הגדול והקדוש . חרב בעונינו ועיר קדשך חרבה עבור חטאתינו יהי רצון מלפניך ה' אלהינו שתמחול ותסלח על כל רוע מעשינו ותבנה ירושלם עיר הקדש ונדחי ישראל יכנס והבית הגדול והקדוש תבנה במהרה בימינו ותגדל כבודו ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם : אנא בכח גדולת ימינך . תתיר צרורה . קבל רינת עמך . שגבינו . טהרינו . נורא נא גיבור . דורשי יחודך כבבת שומרם . ברכם טהרם . רחמי צדקתיך תמיד גומלם . חסין קדוש ברוב טובך . נהל עדתך . יחיד גאה . לעמך פני זוכרי קדושתך . שועתינו קבל ושמע צעקתינו . יודע תעלומות בש"כמ"לו : שיר המעלות בשוב ה' שיבת ק"כו . רבי חנניא בן עקשיא אומר וכו'. עלינו קדיש יתום. ווען איין טאג איז דז מן תחינה זאגט דא זאגט מן זכור ה' מה היה לנו אוי הביטה וראה את חרפתינו אוי מה היה לנו גאר אויז ווי עס שטיט נאך איין נכדר אין דען קינות : ווען איין ברית מילה איז דא האט עס איין שיעור וואז מן דער שררה גיבט . אך ווען איין ברית מילה איז דא טיילט מן אין דער שול שמעקריקס אוך אין גוטן גישמאקי וויין אים גיווייקט . דאז קינד וויקלט מן ניט אונ' מן ברענגט עס אין קליידר אן גיטאן . דער קוואטר נעמט דאז קינד אונ' גיבט עס דעם פאטר אין דער האנט . דא שטעלט זיך דער פאטר מיט זיינם קינד אין דער שול שיר אונ' זאגט הואך אם אשכחך ירושלם תשכח ימיני תדבק לשוני דען גנצן פסוק אויז. אך זאגט דער פאטר הואך שמע ישראל ה' אלהינו ה' אחד. אונט דאז קהל זאגט נאך. דער נאך זאגט דער פאטר הואך ה' מלך ה' מלך ה' ימלוך לעולם ועד אונ' דאז קהל זאגט נאך. דער נאך זאגט ער ווידר ה' מלך ווימ אובן שטיט אונ' דאז קהל זאגט ווידר נאך. דער נאך זאגט דער פאטר אנא ה' הושיעה נא . אנא ה' הצליחה נא . אונ' דאז קהל זאגט נאך . דער נאך זאגט ער ווידר אנא ה' וויא אובן שטיט אונ' דאז קהל זאגט ווידר נאך . דער נאך זאגט דער פאטר ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם אשר קדשנו במצותיו וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו. אונ' דאז קהל זאגט כשם שנכנס לברית וכו'. דער נאך איז מן דאז קינד מל אונ' דער פאטר זאגט ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם שהחיינו וקיימנו וכו'. נאך שחרית מן בעטן צום עסין אויף דער ברית מילה. ווען איינר איין חתן ווערט דרף ער מיט צו דער כלה גין ביז ער פאר איין צעטל האט פון דער שררה דאז גשטיט צווייא ליבן טליר. אונ' צו דער חתונה מוז דער חתן ווידר געבין דער שררה צווייא ליבן טליר . דיא חופה איז צו מארגניש פריא נאך שול. דער חתן גיט צו מארגניש פריא אין שול אונט מן צעלטאים בייא דעם ארון הקדש. אונ' מן ליגט אים אויף דער שטאט סינה אויז גיכענט קישן. דאז צעלביג מאל זאגט מן קיין תחינה נון וויל איך הלטין אין שער התפל' וויל איך איין פסט מאדר צווייא שרייבן דז דא גיהערט צו דער תפלה על דרך תשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזירה: עס איז איין פסוק אין פרשת ראה . כי יהיה בך אביון מאחד אחיך באחד שעריך בארצך אשר ה' אלהיך נותן לך. מכט רש"י ז"ל דען פסט שעריך איז דייטש דיא ארמין אויז דיין שטאט טוא פעדרן פר ארמין אויז אנדר. שטעט. מיז קשה וויל דער פסוק האט מן גישריבן בארצך דאז איז דייטש אין דיין לנד. וואז דרף ער מן צו שרייבן אשר ה' אלהיך נותן לך. דא קאן מן דען פסט איין צוא זאגין. שעריך איז דייטש ירושלם. דען ירושלם איז שער השמים אונ' פון דארטן געגין אלי דיא תפלות צו הקב"ה אז ווייא איך אין דער הקדמה האב גישריבן . דאז מיינט רש"י ז"ל דיא ארמן לייט אויז דיינר שטאט דיא דיר הקב"ה האט געבין דאז איז ירושלם דיא זאלשטו פעדרין פאר אלין אנדרין ארמין לייטן אז מיר אך געפינן ווייא דיא גמרא זאגט דז גנץ חוצה לארץ זיינן מחויב צו שפייזן דיא ארמין לייט אין ארץ ישראל. אונ' אוב מן וועלט פרעגין שעריך איז דאך לשון רבים פיל שטעט. עס זעלט שטין כי יהיה בך אביון בעירך באלך . דער תירוץ איז שעריך גיט אויף אלי דיא שטעט דיא אין ארץ ישראל זיינן כיימרט אז איך דיינט שעריך ירושלם דאז בישייט וויל ירושלם איז דיא עיקר שטאט אין ארץ ישראל גיוועזן אז ווייא זיא אך נאך איז דיא עיקר שטאט אין ארץ ישראל. אונ' אך וויל אלי דיא תפלות פון דארטן געגין גלייך איין מיך פר הקב"ה אונ' וויל דיא שכינה נאך דארטן איז בייא כותל מערבי ווייא איך האב אין דער הקדמה גישריבן. אונ' איין צולכן פסק האט גישיקט איין קרוב אויז ארץ ישראל

אין

# שער התפלה

אין חוצה לארץ ה"ה הגדול החסיד מרנא ורבנא דער דא איז געוועזין איין נשיא אין ארץ ישראל מה"רר ישעי' הלוי ז"ל הורוויץ דער צו ק"ק פראג המעוטרה איז אב"ד געוועזן. ער האט פֿיל גאונות אונ' חדושים גיבראכט אונט דינים גיוויזן דז עניי ארץ ישראל הייסן עניי עירך . אז מיר אך ווערט גיפֿינן דז איין גרוסה מצוה איז צדקה צו געבין אונ' מן קויפֿט זיך דער מיט חלק לעולם הבא אונ' גוטי מליצים פֿר הקב"ה אז וויא מיך מך האב הערין זאגין איין פשט פֿון וועגין הגאון מה"רר יצחק כ"ץ ז"ל דער דאז רייטש חומש האט גיאבט חתן המהר"ל הגדול הגאון החסיד מרנא ורבנא דער הויך ר' ליב ז"ל אב"ד ור"מ דק"ק פראג. דער פסוק זאגט אין פרשת משפטים אם כסף תַּלְוֶה את עמי את העני עמך. איז קשה ווארום שטיט אם כסף. איז דער פשט איין זאך תלוה איז לשון בילייט גלייך אז ווען דא זעלט שטין תַלְוֶה. נון זאגט דער פסוק אם כסף תַּלְוֶה את עמי בתמיה בילייט דען מיינס מענשין זילבר ווען ער שטרבט. דורגט מיך צו זיין דז דער פסוק ווייטר מוז לאיינס. אז בילייט דען מיינס ווען מן שטערבט. את העני וואז דו דען עני גיבסט. נאך דאז גיט מיט דער אונט בילייט דיך אונט אין מאלין פֿר דיך ביים הקב"ה . דער ראשית חכמה שרייבט תשובה ומעשים טובים כתרים בפני הפורענות . איז קשה וואז איז דייטש בפני עס זעלט שטין כתרים לפורענות . איז דער פשט כתרים איז דייטש איין שטרעט ווען איין מענטש תשובה אונ' מעשים טובים טוט · דאז איז איין שטרעט אונ' הלט אויף דז קיין פורענות זאל קומן. איין זאך דורגט מיך צו זיין דער פסוק זאגט אין ישעיה סימן נ"ח והלך לפניך צדקיך. איז קשה וואז איז דייטש לפניך מן קאן דען פשט איין זאך זאגין עס זייכן איין טייל לייט דיא קיין צדקה וועלין געבין נייארט ווען בר אנן איין צרה אודר קרענק אויף דען זעלבגין קומט דא זעלט ער גערין געלט אויז שיטן אונ' פֿר מייכט צדקה תגיל ואות . אבר עס קערט ניט איין וואלן זיין אן קערט דיא צדקה מיאר צו געבין הואר הורך קומט קיין צרה . אונ' איין זאך איז דער פשט לפניך איז דייטש דער פֿיר אי איין צרה קומט זאלטן דיא צדקה געבין דא האלט עס אויף דז קיין צרה קומט. אונ' ווען מן דיא צדקה דער פֿיר גיבט ווייס מן וואל דז דיא כוונה איז לשם שמים. אך דורגט מיך צו זיין דז משיח ווערט קומן בזכות צדקה אז וויא דער פסוק זאגט אין ישעיה סימן א"א ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה . איז דער פשט איין זאך . ציון דיא שטאט ציון. במשפט תפדה דאז משפט ברענגט מיט דז מן דיא שטאט זאל ווידר בויאן דען דאז האלץ אונט שטיין האבין ניט גיזינדיגט . ושביה אבר מיר ווידר קערר דאז מייכט דיא לייט דיא האבין יוא גיזינדיגט דיא ווערין ווידר היים קומן בצדקה ווען זיא ווערין צדקה געבין . נון זאל דער מענטשן דער זוכה איז צדקה צו געבן בפרט דען עניים אין ארץ ישראל דען זיא זיינן טאג אונ' נכט מתפלל פֿר כל ישראל דיא דא זיינן אין חוצה לארץ . אך זיצין זיא אין בית המדרש יומם ולילה אונ' זיינן מקיים דען פסוק והגית בו יומם ולילה . הקב"ה זאל מיינס הערצן ביטערין אונ' דאז הארץ שטרקין צדקה צו געבין בפרט דען לייטן אין ארץ ישראל דער קיגן ווערין זיא זוכה זיין איין מיטלר זיין כרבה זעלברט צו ברענגין אין ירושלים עיר הקדש אמן . כן

יעשה האל:

# דער דריטה שער הייסט שער הלימוד:

אין דיזן שער ווערט ביטייטן חיא דער סדר הלימוד איז צו ירושלים עיר הקדש:

**דער** פסוק זאגט אין פרשת שופטים המשכיל למאור והכשיל לטאוע. איין זאך איז מן זיך נוהג צו ירושלים . צו מארגניט פֿריא נאך טול געגין דיא מאכן אין דען גרוסן בית המדרש איין דיין דאז הייסט דיא ישיבה . דיא ישיבה גיווערט אלי טאג אלייט דרייא שעות אך מעכט מאל מער מן איז מפלפל אויז גמרא אונט פירש אונט תוספות אונט אשרי : אונט דיא לייט דיא ניט וואל קענין מפלפל זיין דיא הערין צו אונ' מן פֿר דייטשט איין אלו וואז זיא ניט רכט פֿר שטעהין . דיא פֿרואה וייבר

# שער הלימוד

שטעגין דרויסן פֿר דען בית המדרש אונ׳ הערין צו לערנין ביז אין רייטש תפֿלות ביז אין קדיש זאגט. אויך זילן איין טייל לייט עטליכי שעות אין טאג אונ׳ לערנין. ווען אין פֿון דער ישיבה גיט זיין עטליכי חבֿר דז אין דריכן לערנט אין איטליכן הויז איין שעה אויך צו לייטן לערנן. צו מיטאג גענין לוריק צו איין כדר אין דען קליינן בית המדרש אונ׳ לערנין גמרות אונ׳ מסכיות ביז צו אסר דאז איז איין שעה פֿר מנחה. אויך גיט איין אנדרי חברותה לוריק צו מיטאג אין גרוסן בית המדרש אונ׳ לערנין איין שעה פוסקים. איין שעה פֿר מנחה גענין כל בני ישיבה אין גרוסן בית המדרש איין דיין אונט לערנין רב אלפס ביז דז לייט אין מנחה צו צורן. נאך מנחה לערנין כל בני ישיבה אין טאל חוך מסכיות. אונ׳ איבר אל וואז אין לערנט שטעגין דיא פֿרומה ווייבר פֿר דער טיר אונ׳ הערין צו לערנין. איין גאז טוט אין אלי טאג. ניי ארט אם דאנרשטאג פֿריא לערנט אין דיא סדרה מיט פירש ר״שי ז״ל. דאנר שטאג בייא נכט זיין פֿיל לוריק גאט בהיטן איין גרוסן בית המדרש איין גנצי נכט אונ׳ לערנין דיא סדרה מיט ר״שי ז״ל אונ׳ דען זוהר דרויף אונ׳ אך אנדרי ספֿרי קבלה מער. פֿרומה ווייבר גיבן איל צו ברענין אום זונשט אין עטליכי לאמפן דז אין דיא גנץ נכט דער בייא לערנט. שבועות צו נכט אונ׳ הושענה רבה צו נכט איז אין אויך איין בית המדרש אונט אין לערנט וויא אין עש בקבלה האט וואז אין זילה נכט זאל לערנין. אין לערנט ברוך השם איין גנצין טאג אונט פֿר טאג אין אלין הייזרן וויא בילך איז דז אין זאל פֿון הק״בה וועגין לערנין מיט גנצין הערצין אונט מיט פֿארלנגן. אם שבת צו ווייא שעות פֿר מנחה גיט אין אין גרוסן בית המדרש אונ׳ לערנט סדרה ר״שי אונט מדרשים וואז אין אין דאנרשטאג פֿריא ניט האט אויז גילערנט. ווען אין קומט נאהנט בייא ירושלים אז אין זייא וואל קריעה רייסן איינה פֿון דער שטאט ירושלים וועגין ווען אין דיא שטאט זיכט פֿון וייטן. אונ׳ איינה ווען אין דען חורבן בית המקדש זיכט אונ׳ אין זאגט איין טייל קינות אונ׳ איכה. דאז קבר זכריה הנביא איז אונטר הר הזיתים בייא אונזרן בית החיים קיגן דען הר המוריה איבר וואו דאז בית המקדש איז דרויף גישטנדין. ניט וייט פֿון בית החיים זיינן צווייא לעכר נעבין איין כדר אין איין פֿעלז אין זאגט איינש דער פֿון ווער פי גיהנם וויא עש אין דער גמרא שטיט דז איין פי גיהנם גיהערט צו זיין אין ירושלים. דאז קבר זכריה הנביא איז זער ברייט אונ׳ פֿיר עקיג אונ׳ זער הוך אונ׳ איז אין איינם שטיק אויז גיהאקט פֿון דען ברג דז דא הייסט הר הזיתים קיגן דעם בית המקדש איבר. ניט וייט דער פֿון איז איין גיבייא הייסט יד אבשלום. אויף הר הזיתים איז דאז קבר פֿון חולדה הנביאה אונ׳ עש איז איין שלאס דרויף גיבויט. הר ציון איז אין ירושלים עש זיינין דרויף דיא קברי מלכות בית דוד עש איז איין שלאס דרויף גיבויט. אונטר הר ציון איז איין גרוסי היל דא ליפֿט דריכן דער מי שלוח אין איז פֿיל שטאפֿלן איין דא אב צום דען וואסר גין. ניט וייט דער פֿון איז דער באר יואב אין האט בקבלה ווען עש רעגנט אונ׳ דער באר יואב ווערט פֿול פֿון דען רעגין דאז איז ברוך וחוסה דז עש גוט יאר ווערט זיין. דאז קבר פֿון רחל הלרקית איז אנדר הלבן מייל פֿון ירושלים אין פֿרייאן פֿעלד ניט וייט פֿון בית לחם וויא עש אין פסוק שטיט אונט אם חול המועד פֿון פסח אונט ל״ג בעומר גענין גנץ פֿיל מאנין אונט ווייבר זקנים עם נערים גאט בהיטן איין רויז צו איר קבר איין טייל רייטן אין רויז. אין זאגט פֿיל תפֿלות אויף איר קבר אונ׳ אין טונט דרויף דרשן אונט אין טאנצט אום איר קבר איין רונד. אין עסט אונ׳ טרינקט בייא איר קברי עש איז איין הויך גיוועלב איבר איר קבר. אויף איין זייט פֿון דען גיוועלב איז גנץ אפֿין אונ׳ עש איז איין גרוסר הויף מיט איין מויאר איין רונד איר זכות אונ׳ זכות אנדרי צדיקים וצדקניות זאלין אונש אונ׳ כל ישראל בייא שטין אמן. ווער דא וויל רייטן אויז ירושלים אויף אלי דיא קברי צדיקים וצדקניות דיא דא זיינן אין ארץ ישראל דער מוז הוצאה האבין אלי לייט צוועלניג ליבן טליר מיט ערינג אונ׳ מכסים דען דיא קברים זיינן וייט פֿון איין אנדר אל לייט איין דרייסיג מייל. דיא קברים אלט אין איין טייל דיא הייסן קולן אז וויא איין בק אובן אין פֿעלזן איין דיין אויז גיהאקט אין שטופט דאז מת אויף איין ברעט איין דיין אונ׳ אין פֿר מויארט דאז לאך דז דרטן איז איין ווא גפֿין איר אין דער מערה דז עש פֿר זייטן אך איז גיוועזן. אונ׳ איין טייל קברים אלט אין וויא אין חוצה לארץ מאכט אין אלט קיין ארון אויז האלץ אין שטאט ברעטר אלט אין ליטר שטיין אין קבר איין רונד אונ׳ ווען אין דא זבר אין האט אין קבר גיליגט מיט אין דעם בר מן ערד אויף זיינם פנים אונ׳ אין שטאט גוול ליגט אין ברייטא שטיין. אין מיר דאז קבר מיט ערד וויא אין חוצה לארץ. אונ׳ ווער עש פֿר מאג לאסט אובן אויף דעם קבר מויארן אונ׳ לאסט איין גרוסן מירמל שטיין דרויף אלין אין שרייבט איין מידן אויף. דען שטיין איין לאזן אונ׳ זיינו מעשים טובים.

אבר

# ר הלימוד

אבר ... ניט פר איגלך ... בר אובן אויף מיט קליינע שטיינרליך. ווען איין קבר אובן אויף גימויארט ווערט דא זעלט עס גלייך וויא ... גלאר ארון פון איין מת. ווען מן איין בר מן טראגט איין דריט טייל פון דען וועג דאז בית החיים דא שטעלט מן דאז בר מן מיט דער מטה איין נידר אונט דער קברנים חזן זאגט פסוקים דיא דא גיהערין צום בר מן אונט מן זאגט קדיש אונט דער קברנים שמש רופט צו דען לייטן דז דאז אסור מן איזן איז דרין ניא זאל מיט גין איין רויז אויף דען בית החיים ביוואלד זאגט מער פיל לייט מיט גענין. דאז בית החיים ליג ... איז הויזן פר דער שטאט אונטר הר הזתים קיגן הר המוריה איבר וואו דיא שטאט ירושלם דרויף שטיט. מן גיט נאר דעם בערג איין ראב אויז דער שטאט דא איז גירינקט דאז בית החיים. ווען תחיית המתים ווערט זיין ווערין איר אויף שטין מיט דען פנים קיגן דאז ארט וואו דאז בית המקדש איז גישטאנדן. מן זאגט קיין הלוך תמים. מן פלעגט אך צו דרטן איבר איין בר מן וויא אין חוצה לארץ. מן לאזט דאז בר מן שטין מיט דער מטה ניט ווייט פון דען קבר אונט עטליכי לייט געבין זיבן מאל איין רונד אום דען בר מן דאז הייסט הקפה. אונט איטליכס מאל אז מן איין רונד גיט זאגט מן יושב בסתר עליון גאר אויז. אך זאגט מן עטליכי תפלות דיא צו איין בר מן גיהערין. דא נאר מיט פר יאגט מן דיא טומאה פון דען מת. דער נאך איז מן דאז בר מן קובר. אך איז מן נוהג דז מן בייא דעם אבל עסט אונ' טרינקט נאך דער קבורה אונ' מן בענטשט ברכות אבלים דאז הייסט סעודות הבראה. דען טאג אז שלשים אויז איז דא לאזט דער אבל ב"ה קלייני וועיטליב ברוט בקין אונ' שיקט מיט דעם שמש איטליכן בעל הבית צווייא לב ברוט דאז זאל מן עסין פון דער רייני נשמה וועגין: אונט ווען דאז יאר אויז איז דא טוט מן ווידר איין זוא מיט דען ברוט. אונט ווען איילף חדשים אויז זיין דז דער אבל ב"ה האט קדיש גיזאגט דא גיט מן מיט דען אבל ב"ה אויף דען בית החיים אונט מן טוט דרטן אויף דען קבר דאז הייסט מן שטייט דאז יאר פון אבילות ב"ה אב. איין תחום שבת פון ק"ק דאמשק איז איין דארף הייסט היובר דאז איז צוויא טאג רייז פון ארץ ישראל דארטן איז איין גרוטה טול. אין דער זעלביגי טול נאך דער לענג צו אויף ביידי זייטן זיינן לויטר שטייניכן זיילן אונ' שויג ביגן. אונ' צווארח זיינן דרייא גיוועלבר נעבין איין נדר אונט אין איטליכן גיוועלב זיינן הילוכה גילענדר דארטין דרינן שטעהן פיל ספר תורות איטליכה ספר תורה האט איין הילוכה פוטר פס דאז הייסט תיק. אונ' איבר דען פוטר פס איז איין מענטלי דריבר. אונ' פר איטליכר טיר אז אם איינן גיוועלב איז הענגט איין פרוכת. דיא גיוועלבר הייסט מן ארון הקדש. אונ' אין דען גיוועלב אז דא איז נאר דרום גיט מן איין שטיג איין ראב אין איינר קלייכה היל ווען גלייך פיל לייט ארין גענין דאז איז דיא היל פארט גרוט גינוגין. דאז איז דיא היל דז אליהו הנביא איז פר בארגין גיוועזין דרינן. וויא עס שטיט אין מלכים "א קפיטל י"ז. אונ' דאז לאך דזין דיא ראבין האבין אים עסין אונט טרינקין גיבראכט איז אך נאך דרינן. מן קאן אין דען זעלבגן לאך איין הנט איין רין טאן. אלי קריאות התורה בפרט אם שבת אונ' יום טוב גענין פיל לייט איין רויז. אויז דאמשק דארטין איין הין עס זיינן היימשי אונדר פרעמדי. אונ' אורן דארטן. עס איז פר צייטן איין גרוסי שטאט גיוועזן אונ' איין גרוסי קהלה גיוועזן. איצונדר איז עס איין ישוב ניא האבין בקבלה דז דיא זעלביג טול האט קיין בן אדם גיבויט מן איז איין מאל צו מארגינס פריא הין גיקומן דא איז דיא טול דוא גישטאנדן. עס זיינן נאהנט בייא צווייא הונדרט ספר תורות דארטן. אין דער זעלבגן טול דורך אויז אויף דער ערדן זיינן שטר ואנה טעגין אויף גישפרייט גאר פיין. ווען מן איין דיין קומט בייא דער טיר דא טוט איטליכר זייני שיך אויז אונ' מן זעצט זיך אויף דער ערדן נורן. דארטן איז דער מנהג ווען מן זאל איינם אויף רופן דא קומט דער שמש צום דען זעלבגן אונ' ברענגט אים איין זילברה בלעכל. אז וויא מן גיבט אין מולן פון דען קינדר וועגין דאז איז איין סימן דז מן דען זעלביגן ווערט אויף רופן. אונ' ווען ער זאל ווידר איין ראב גין פון דער ספר תורה דא גיבט ער דאז בלעכל ווידר דעם שמש. איין טייל לייט זאגין דז ניט ווייט פון ירושלים איז דער חצר המטרה אז וויא מיר עס גפינן אין ירמיה סימן ל"ב דארטן איז ירמיה הנביא תפוס גיוועזן עס זיינן נאך דארטן שטייניכן זיילן אויז פעלזן אויז גיהאקט אונ' עס זיינן לעכיר דרינן דז ער איז דרינן איין גישמידט גיוועזן. אונ' אובן אויף דען פעלזן איז בגראבין ישעיה הנביא אונ' ירמיה הנביא

אונ' עוזיה המלך:

שער הזכרה

# דער פירדה שער הייסט שער הזכרה:

**דער** סדר אין לו ירושלים רז מן לאסט מזכיר נשמות זיין צו שבת אונט יום טוב אך ווער דא וויל אלי
טאג איין מיטלכר זיין פֿרייכטין דיא דא גישטארבין זיינן· איין מיטלכר מיז מכדר זין דער
צדקה פֿון דען רייניין נשמות וועגין· מן מיז הומך מזכיר נשמה וויא דא ווייטר שטיט· יזכור אלהים לטובה
נשמת ר׳ פלוני בר פלוני עבור שפלוני בר פלוני נתן לצדקה בעד הזכרת נשמתו· בשכר זה תהא נשמתו
צרורה בצרור החיים עם שאר נשמות צדיקים וצדקניות אמן· רעסט גלייכן דען ווייבר דיא גישטארבין זיינן
מיז מן אך מזכיר נשמות· אך מיז דער סדר דז מן איין הדלקה מכט פֿון דען רייניין נשמות וועגין ווען דאז יאר
פֿון אבילות אויז מיז· אונ׳ ווען מן יאר צייט האט· דהיינו דער טאג דער דיא הדלקה האט לאסט עלי דיא
גלעזר אונ׳ לאמפפן דיא איין שולן זיינן מן פֿילן מיט בוים איל· אונ׳ מן ציכט זיא מן ווען מן זאל מעריב מן היבן
צו אורן· אונ׳ נאך מעריב לעשט מן זיא ווידר אויז אונ׳ ציכט זיא ווידר מן צו שחרית פֿריא אונ׳ לאסט זיא גאר
אויז ברענין· אונ׳ אם פֿרייא טאג צו נכט אונ׳ יום טוב צו נכט לאסט מן זיא גאר אויז ברענין· אונ׳ עס מיז
איין חיוב דז מן אונז איין מי שבירך מכין דעם זעלבגין אודר דער זעלביגה ווער איין הדלקה האט· אונ׳
אך מכט מן איין יזכור דער זעלביג רייני נשמה דז מן פֿון זיינט וועגין לאסט איין הדלקה מכין· עס מיז איין
גבאים בוך איין גישריבן ווען מן מוז לאזין איין הדלקה אם שבת אודר יום טוב רעסט גלייכן אם חול
המועד אונ׳ ר״ח מן גיבט געלט צו לון אין דער צדקה מי מן מיינם איין טרייבט דיא הדלקה אין בוך פֿון
גבאים· צו איין זעלכה הדלקה גישטיט דאז איל איין הלבן רייכש טליר· זיבן טאג אין ר״ח אדר דא לאזין
גבאים צו איין הדלקה מכין משה רבינו עליו השלום וויל ער מיז זיבן טאג אין אדר גישטארבין· דיא גבאים
צו לאזין אין דער שול איין גנצי וואך אונט שבת טאג אונט נכט איין נר תמיד ברענין עס ווערט איין גנץ יאר
ניט פֿר לעשט· אך האט איין מיטלכר בעל בית אונט מיטלכה פֿרויא תפלה ליכט איין
גנץ יאר· אונ׳ אם שבת איין שבת ליכט דז גנץ שבת ברענט אויז בוים איל אין שיכה גלעזר· עס האט איין
שיעור וואז מן מוז געבין דער תורה ווען איין בר מכן מיז· אונ׳ ווען איין בר מכן מיז דז דא האט מקבל צדקה
גיוועזין דא נעמט דיא תורה ניסט· רעסט גלייכן פֿון איינם ניפֿלה גיט מן אויך ניסט· דאז בוך האט איין
ענד: הק״בה זאל שיקן משיח ביתענו: צו פֿירן אונס אין אונזרן לנד: אמן כן יהי רצון:

אשל סידור מנהגי ירושלים עיר הקדש בהלכתו: כאשר זכיתי לסדר אותו: כה יזכה י״י לאחינו כל בית ישראל
לביאת ארץ ישראל ולעמותו: זך טוכן מעונה: קומם קהל מיאנה: קרב נהל נטעי
בנת: פרוים לציון ברנת: זאת היא התחינה: מימים
ימימה: להמחבר הכותב
במימה:

## ותפלה למשה בן החסיד מהו״רר ישראל נפתלי ז״ל מק״ק
## פראג המעוטרה הנקרא בפי כל משה בן מהר״ר הירש
## פוריית מתושבי קרתא קדישא ירושלם
## תוב״בא:

תשלם המלאכה: בשעה ברכה: יפה ומפוארה· ואל מרא עלילה: ביום י׳ ר״ח אדר ס
ואמן ירושלם לא אש״קט לפ״ק לסדר ויברך אתם מש״ה:

CIc-4892.
2066.

Universitäts Bibliothek Rostock
http://purl.uni-rostock.de
/rosdok/ppn866897143/phys_0025

ETc
1892

Universitäts Bibliothek Rostock
http://purl.uni-rostock.de
/rosdok/ppn866897143/phys_0026

# שער התפלה

ה אונ׳ אבינו מלכינו . ווען מן זאגט אבינו מלכינו דז מיט עשרת ימי
ש עלינו שנה טובה. ברך עלינו שנה טובה. פסח איז גאר זיבן טאג דער
יום טוב אונ׳ פינף טאג זיין חול המועד . דער אכטן טאג פסח איז
ט פסח אין דער שולן נאך דעם קדיש אז מן זאגט נאך שמונה עשרה דא
ברכה פון הלל אונ׳ כל הקהל זאגין גנץ הלל . דער חזן זינגט ניט הודו
הערט ווארום דז מן הלל זאגט אין שולן דיא ערשט נכט פסח. גלייך אז
איין טעם גיזאגט וויא עס אין דער משנה שטיט אין מסכת זבחים אין
האט אתעסק גיוועזן מיט דען קרבן פסח דא האט מן הלל גיזאגט
נאך זאגט מן עלינו אונ׳ קדיש יתום. אונ׳ דער חזן זינגט גנץ יגדל. דען
מן דיא פיוטים וויא אין חוצה לארץ אונ׳ מן לייכט וואז מן לייכט אין
ספר תורה ביזונדר הלב קדיש. דער הלבן ליגט מן דיא ספר תורות ניט
קדיש זאגט אלז וויא דער סדר איז אין חוצה לארץ. כייארט ווען מן דרייא
יבר דער ערשטי ספר תורה קיין קדיש וויל מן דעם אחרון טוט לייכן
וואל אין שמיני עצרת דאז איז אונזר שמחת תורה דא זאגט מן איבר דער
וויל מן דרינן לייכט חתן תורה . חול המועד פון פסח זאגט מן איבר
יל מן דעם רביעי אויך רופט אין דער אנדרי ספר תורה . אונט ווען
זאגין מיר דען ערשטן טאג פסח דיא יוצרות פון שבת חול המועד.
ת איז אונזר אסרי חג. אונט לו מוסף בענטשט מן דען טל. ענקר אנדר
ל המועד דא לייכט מן וואז מן אין חוצה לארץ לייכט דען אנדרן טאג
קרבתם אז וויא דיא אנדרן טעג חול המועד . דיא אנדרן פיר טעג חול
מן חול המועד ליגט מן קיין תפילין זונסט זיין דיא תפלות חול המועד
פסח איז מן מזכיר נשמות. ווען דער ערשטי טאג פסח איז אום שבת
ן שבת אונט מיר בני ארץ ישראל הלטין דען אנדרין שבת פר אסרי חג
ישראל איין שבת אין דער ספירה לו דא זאגין מיר דען ערשטן שבת
י : אונ׳ דען אנדרן שבת זאגט מן פון מיוחדי אונט ווייטר אויז. אונ׳
אחרי מות אנט קדושים . מיטלכט מאל ווען דאז קהל האט ספירה
כייא מן הואך ספירה לו צילן מיט דער ברכה אונט דער נאך זאגט
ח אונט שבועות זאגט מן יוצרות וויא אין פולין: דען פירלטן טאג אין
ר זעלביג טאג הייסט פסח שני וויא עס אין דער תורה שטיט.
אונט מן זאגט מגלת רות . אך זינגט מן אקדמות אונ׳ קיין יליב
שבועות איז אונזר אסרי חג. פון ר״ח סיון מן ביז דרייזהן טאג אין סיון
ין אין דער גמרא וויל כל ישראל זיינן איין רויך גגגין קען ירושלם לו חג
ת ניט אלי קענין מקריב זיין לו חג השבועות דא האבין זיא נאך לייט
בנות מקריב לו זיין . דרום זאגין מיר זיבן טאג נאך שבועות קיין
תשעה באב גיט כל הקהל אלי טאג נאך מיט טאג אין שולן אונ׳ טוכין
רדן. דער חזן הייבט אן איכה ישבה בדד. נאך דער איין איכה זאגט
. אונ׳ נאך דער קינה זאגט מן דיא קינה זכור אשר עשה לנו בפנים.
דער נאך זינגט מן איין קלאג ניגון אויך דען מזמור על נהרות בבל שם
או משה בלירית גאר אויז. דען אנדרן טאג הייבט מן אן איכה יעיב.
אונט אך דיא קינה נאך זכור אשר עשה לנו בפנים . אונט דיא
ויא דען ערשטן טאג. ווען מן אויז האט דיא פיר איכה אונ׳ קינות דא
ן שטיט כייארט דיא פרייא טעג דיא לווישן שבעה עשר בתמוז אונט
שעה באב זעלבן זאגט מן ניט. אן תשעה באב איז דער מנהג וויא
אש השנה זאגט מן דיא יוצרות חיא אין חוצה לארץ. סליחות הייבט מן
אן אויך

זאגט מן דיא שליר
תשובה איז דא זא
ערשטי טאג אונ׳
אונזר אסרי חג .
הייבט דער חזן ה
אונט אזא . איך
האט מיר אחי כה
פרק ומאיר נשחט
גלייך דרייא מאל
ערשטן טאג פסח
חוצה לארץ מן זא
נעבן איין גנדר אוי
ספר תורות אויז
אין דער אנדר ס
ערשטי ספר תורה
דער ערשטי ספר
דער ערשטי טאג
אונט שיר השירים
טאג פסח אז אונ
פסח אונט דעם ד
המועד לייכט מן
גלייך וויא אין חוצה
דא איז ענקר אחרו
וויא אובן שטיט דא
אין דער ספירה די
ווען עס איין זוא גי
גיזילט אין שולן דא
דאז קהל אלהים יח
חדש אייר זאגט מן
שבועות איז גאר אי
פתגם אך קיין טר
זאגין מיר קיין תחי
השבועות אונט זיא
גיהט זיבן טאג נאך
תחינה. פון שבעה
דיא שיך אויז אונ׳ זע
ער דיא ערשטה קי
אונט דער נאך דיא
ישבנו . אונ׳ דער
אונט דיא קינה נאך
אנדר ציון . אונ׳
הייבט מן ווידר פון
תשעה באב זיינן דע
אין חוצה לארץ. פון